בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת בחוקתי (חו"ל) תשע"ו    שבת חזק -שבת מברכין    גליון 361 [שנה ח']

### אנגעשריבן וויפיל א מענטש דארף הארעווען

אִם־בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ: (כ"ו ג') זאגט רש"י שתהיו עמלים בתורה. שטייט אין אבות (פ"ג מ"ה) רבי נחוניא בן הקנה אומר, כל המקבל עליו על תורה, מעבירין ממנו על מלכות ועל דרך ארץ. א מענטש וואס לערנט תורה דארף וויניגער ארבעטן, שטייט אין ספר בית פנחס אויפן פסוק אָדָם לְעָמָל יוּלָּד (איוב ה' ז') אז אויף יעדן מענטש איז נִגְזָר געווארן אז ער דארף הארעווען, און אויך איז נִגְזָר געווארן וויפיל ער דארף הארעווען אין זיין לעבן. ממילא אויב א מענטש נוצט אויס זיין גזירה פון הארעווען אויף לימוד התורה וועט ער נישט דארפן הארעווען צופיל אויף פרנסה. ווייל ער האט דערפילט זיין חלק פון וויפל יגיעה! דאס מיינט דער פסוק אִם־בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ, שתהיו עמלים בתורה, און וועסט אויסנוצן דיין יגיעה אויף תורה, וועסטו זוכה זיין אז וְנָתַתִּי גִשְׁמֵיכֶם בְּעִתָּם, אן יגיעה, ווייל עס וועט גיין גרינג דיין פרנסה. (ספר וַיִּקְרָא הַקֹּדֶשׁ)

### אין זכות פון צדיקים וועט זיין די גאולה

אִם־בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ: (כ"ו ג) שטייט אין ספרים אז דער ווארט "אִם" איז מרומז אויף די גאולה. ביי בבל זענען געווען די אויסלייזער'ס א"ם, א'סתר און מ'רדכי. און ביי די גאולה העתידה וועלן זיין די אויסלייזער'ס, א'ליהו מ'שיח, אויך א"ם, דאס האט דוד המלך מרמז געווען א"ם הבנים שמחה, דאס מיינט א'ליהו מ'שיח, זיי וועלן אונז אויסלייזן. דאס קען זיין דער רמז "אִם" וואס איז מרומז אויף גאולה העתידה א'ליהו מ'שיח. "בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ וְאֶת־מִצְוֹתַי תִּשְׁמְרוּ וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם" אין זכות פון עמל התורה און שמירת מצות וועט משיח קומען במהרה בימינו אמן. (אמרי חן) האט מיין פעטער ר' דניאל קליטניק נ"י צוגעלייגט, אז "אהרן משה" איז אויך די ר"ת "אם", וואס זיי האבן אויך אויסגעלייזט די אידן פון מצרים. (שמות ו כז) הֵם הַמְדַבְּרִים אֶל פַּרְעֹה מֶלֶךְ מִצְרַיִם לְהוֹצִיא אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרָיִם הוּא "מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן" – ר"ת "אִם". מיט דעם קען מען אויך מפרש זיין אז עס שטייט (תהלים כט יא) ה' עֹז לְעַמּוֹ יִתֵּן יְהוָה יְבָרֵךְ אֶת עַמּוֹ בַשָּׁלוֹם. אין עוז אלא תורה (מדרש תהילים מזמור כא), און משה איז דאך תורה, משה קיבל תורה מסיני, און דורך תורה איז דא שלום, און שלום איז אהרן, אוהב שלום ורודף שלום, ואין הקב"ה מבשר את ישראל שיהיו נגאלים אלא בשלום" (דברים רבה ה), דאס מיינט א"ם בזכות אהרן און משה וועט זיין ונתתי שלום בארץ און איר וועט זוכה זיין צו די גאולה שלימה. (שמח זבולון)

### וואס מיינט גשכיכם און נישט גשמי

אִם־בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ וגו' וְנָתַתִּי גִשְׁמֵיכֶם בְּעִתָּם: (כ"ו ג–ד) פרעגט דער אלשיך הקדוש פארוואס שטייט גִּשְׁמֵיכֶם איז דען די גשמים אונזערע, עס וואלט געדארפט שטיין וְנָתַתִּי גִשְׁמִי מיין רעגן? נאך איז שווער פארוואס שטייט נישט וְנָתַתִּי גֶשֶׁם לָכֶם? נאר די גמ' (ר"ה י"ז.) דרשענט אויפן פסוק אֶרֶץ אֲשֶׁר־ה' אֱלֹקֶיךָ דֹּרֵשׁ אֹתָהּ תָּמִיד, אויב די אידן זענען ח"ו רשעים און מען איז גוזר אין ראש השנה פאר זיי וויניג רעגן יענע יאר, און נאכדעם האבן די אידן תשובה געטאן, גיט זיי דער אויבערשטער רעגן אין די צייט ווען זיי דארפן דאס. [ווייל א גזירה קען מען מאכן לטובה] קומט אויס דעמאלטס איז די רעגן גִּשְׁמֵיכֶם, פאר די אידן, וועגן זייערע גוטע מעשים, דעריבער שטייט אִם־בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ, עמלים בתורה און היטן די מצוות, וועט די גזירה פון רעגן ווייכער ווערן און די רעגן'ס וועלן אנקומען ווען מען וועט דאס דארפן. (גבולות בנימין ראפפורט)

### על כל נשימה ונשימה תן הודאה

וְנָתַתִּי מִשְׁכָּנִי בְּתוֹכְכֶם וְלֹא־תִגְעַל נַפְשִׁי אֶתְכֶם: (כ"ו י"א) שטייט (תהלים ק"נ ו) כֹּל הַנְּשָׁמָה תְּהַלֵּל קָהּ, דרשענט חז"ל (בראשית רבה יד ט) על כל נשימה ונשימה, אויף יעדן אטעם איז א מענטש מחוייב צו דאנקען דעם אויבערשטן. און די סיבה פארוואס א מענטש דארף דאנקען אז ער אטעמט? ווייל די נשמה גלוסט אלעמאל צו גיין צו איר שורש וואס איז ביים כסא הכבוד. נאר מיטן חסד ה', טוט די נשמה בלייבן אין גוף, און ווען וויל די נשמה ארויסגיין פון גוף צו איר שורש, נאר ווען די גוף שטרעבט נאר צו גשמיות זאכן, אבער א מענטש וואס איז הייליג, און שטרעבט צו טאן מצוות און מעשים טובים, איז די נשמה צופרידן צו בלייבן אין גוף. ממילא קען זיין פשט אין פסוק: אִם־בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ, איר וועט טאן די מצוות ה', וועט זיין אז, וְנָתַתִּי מִשְׁכָּנִי בְּתוֹכְכֶם, דער אויבערשטער וועט רוהען זיין שכינה ביי אייך, ווייל מען וועט זיך פירן ווי עס דארף צו זיין, און אויך וועט זיין "וְלֹא־תִגְעַל נַפְשִׁי אֶתְכֶם" וועט די נשמה וואס איז די נפש, –וואס איז א חלק אלקי ממעל–, נישט וועלן ארויסלויפן פון אייער גוף. [מען קען צולייגן אז משכני מיינט טאקע דיין נשמה וואס דער אויבערשטער גיט דיר א משכון און נעמט דאס צוריק יעדן נאכט אזוי ווי מען זאגט בְּיָדְךָ, אַפְקִיד רוּחִי (תהלים ל"א ו). המו"ל] (תורה מהרי"ץ– דושינסקי)

### בעתם מיינט מען בליל שבת

אִם־בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ וגו' וְנָתַתִּי גִשְׁמֵיכֶם בְּעִתָּם: (כ"ו ג–ד) זאגט רש"י בְּעִתָּם, מיינט בשעה שאין דרך בני אדם לצאת, ווען די עוברי דרכים גייען נישט, כגון בלילי שבתות, (תענית כ"ג.) פרעגן אלע פון וואו איז די ראי' אז בְּעִתָּם מיינט ווען מענטשן גייען נישט, אפשר מיינט בְּעִתָּם אין די צייט ווען מען דארף רעגן? נאר די גמ' (יומא נג:) ברענגט: ר' חנינא בן דוסא איז געגאנגען אין וועג און עס האט שטארק גערעגנט האט ער געזאגט כל העולם בנחת, יעדער איז צופרידן אבער חנינא איז בצער, און די רעגן האט זיך אפגעשטעלט. שטעלט זיך א שאלה: אז דער כהן גדול האט מתפלל געווען אין יו"כ "ואל תכנס לפניך תפילת עוברי דרכים לעניין הגשם, בשעה שהעולם צריך לו". אז דער אויבערשטער זאל נישט צוהערן צו די תפילות פון די עוברי דרכים אז עס זאל נישט גיין רעגן, און דא קומט ר' חנינא בן דוסא און בעט אז דער רעגן זאל זיך אפשטעלן, און זיין תפילה וועגט איבער די תפילה פון כה"ג! דעריבער מוז מען זאגן, ווען די תורה גיט א ברכה פון רעגן בְּעִתָּם, מוז דאס זיין אין א צייט וואס מענטשן גייען נישט, ליל שבת, כדי אז ר' חנינא וכדומה זאלן דעמאלטס נישט מתפלל זיין אז די רעגן זאל זיך אפשטעלן. (מרגניתא טבא ר' דוד אמשטרדם)

### אינטרעסאנטע רמז און ידיעה

וְשָׁבַרְתִּי אֶת־גְּאוֹן עֻזְּכֶם: (כ"ו י"ט) זאגט רש"י עֻזְּכֶם זה בית המקדש דער בעל הטורים שרייבט "אֶת־גְּאוֹן" בגימט' "זֶה הַמִּקְדָּשׁ" 461, "אֶת־גְּאוֹן עֻוזְּכֶם" בגימט' "זֶה יְרוּשָׁלַיִם" אבער עס שטימט נישט ווייל די גימט' פון "אֶת־גְּאוֹן עֻוזְּכֶם" איז 604 און "זֶה יְרוּשָׁלַיִם" איז בגימ' 608. אזוי איז די גירסא אין די אלטע חומשים און די קשיא פרעגן עטליכע אין די פריערדיגע ספרים. אבער אכשר דרא און היינט אין די אלע נייע דרוקן פון חומשים שטייט די ריכטיגע מספר "את גאון עוזכם" בגימאטריא "יְרוּשָׁלַם" אן די וואו און אן די יו"ד וואס ביידע זענען כמנין 598.

# מדור העובדות לכבוד ההילולא דהרה"ק ר' שלמה אדמו"ר מזוויהעל כ"ז אייר תש"ה יסוד שביסוד

## דער צדיק האט גוזר געווען דעם טויט שטראף פאר שלאגן א איד

הרה"ק ר' שלמה גאלדמאן אדמו"ר מזוויהעל זצוק"ל איז געווען דער זון פון הרה"צ ר' מרדכי בהרה"ק ר' משה דער זון פון הרה"ק ר' יחיאל מיכל דער זלאטשובער מגיד זצוק"ל. ער איז געווארן דער ממלא מקום פון זיין טאטן. ער האט געפירט זיין קהילה. ביז איין טאג האט ער מחליט געווען אז ער פארט קיין ארץ ישראל. דארטן האט ער אנגעזאגט זיין זון אז ער איז מער נישט קיין רבי און קיינער דארף נישט וויסן ווער ער איז. און האט געלערנט אין ישיבה חיי עולם און מען האט נישט געוואוסט ווער ער איז. אבער פון הימל האט מען אנדערשט געפירט, ווייל אין די זעלבע צייט איז געשען אז די ישיבה האט געברענגט א איד א נגיד פון זוויהעל און ווען ער איז געקומען אין ישיבה און דערזעהט ר' שלמה לויפט ער צו און שרייט אויס "שלום עליכם זוויהלער רבי". ר' שלמה בעט אים נישט מאכן א עסק פון דעם אבער עס איז שוין געווען צו שפעט. און די מעשה האט געברענגט א לייזונג, ווייל הגאון ר' יוסף חיים זאננענפעלד זצ"ל האט איין טאג דערהאלטן א גרויסע סכום געלט מיט א געבעט דאס איבערצוגעבן פארן זוויהעלער רבין, און ר' יוסף חיים דרייט זיך ארום און פרעגט ווער ווייסט וואו דער זוויהעלער רבי וואוינט. אבער נאך די מעשה פון חיי עולם, האט מען שוין גערעדט אז דער גרויסער זוויהעלער רבי איז דא און ר' יוסף חיים האט אים אפגעזוכט און פרעגט צו ער איז דער זוויהעלער רבי? ענטפערט ער" איך בין געווען רבי" האט שוין ר' יוסף חיים פארשטאנען דעם רמז און האט אים געזאגט אז ער האט פאר אים א גרויסע סכום געלט פון זיינע חסידים אין זוויהעל. ר שלמק'ה האט זיך שוין מער נישט געקענט באהאלטן און האט אנגעהויבן פירן זיין אומצאליגע חסדים און געטיילט ברכות און ישועות פאר טויזנטער אידן.

עס דערציילט א איד זיין אייגענע געשיכטע:

ער האט געארבעט ביי די באן -ליניע אין - חיפה, אין די צייט ווען אין ארץ ישראל איז געווען נאך אונטער דעם מאנדאט פון ענגלישער רעגירונג. זייענדיג באקאנט אין פינעף שפראכן, האט מען אים ערלויבט איין איד א שומר שבת צווישן אנדערע טויזנטער ארבעטארער'ס נישט צו דארפן ארבעטען אין שבת און יום טוב, אלעס האט געקלאפט, און די בעלי בתים זענען געווען צופרידן פון זיין ארבעט. דאס האט אזוי אנגעהאלטן מיט א רוהיגקייט אסאך יאר ביז עס האט זיך אנגעפאנגען די ארבישע פאגראמען אנקעגן די אידן. ער האט זיך פלוצלונג געפונען, כמעט א איינציגע איד צווישן טויזנטער אראבער ארומגערינגלט מיט שנאה און רציחה. די אראבער האבן אים אנגעפאנגען צו סטראשען מיט די ערגסטע. "מיר וועלן דיר שחט'ן ווי א הונט" האב זיי אים געזאגט אפן און גראד. ער האט געזען אז זיין לעבן שטייט אין א סכנה און ער האט געציטערט פאר דעם קומענדיגן מינוט. נישט וויסנדיג וואס דאס וועט ברענגען!

ער האט זיך געוואנדן צו איינעם פון די הויפט פירער פון די ארבעט וואס איז געווען א אראבער. ער האט געהאפט אז דער וועט פארשטיין צו דעם מצב און וועט זוכן עפעס א וועג אים צו היטן, אבער ווי אויפגעשוידערט איז ער געווארן ווען ער אים געענטפערט: "בסך הכל האט מען געזאגט אז מען וועט דיך שחט'ן ווי א הונט און נישט ווי א חזיר. וואס איז אזוי געפערלאך? ער האט געזען אז דאס איז סכנת נפשות צו בלייבן דארטן ארבעטן און ער האט אנגעפאנגען צו טראכטן וואס צו טאן! יעדן טאג ווען ער איז אריינגעגאנגען צו די ארבעט האט ער געזען דעם טויט פאר די אויגן, אבער וואס טוט מען? אויב ער וועט נישט קומען וועט מען אים נישט באצאלן און זיין משפחה איז גרויס. און בפרט אין יענע צייטן איז געווען שווער צו באקומען א ארבעט.

זייענדיג אין א מצב פון א דילעמא איז ער אראפגעפארן קיין ירושלים און אריינגעגאנגען צו איינע פון די צדיקים און אויסגעגאסן זיין שווערע הארץ. אויסהערענדיג זיין מצב האט ער אים געענטפערט: דארפסטו טאן אזוי ווי די אבות הקדושים האבן געטאן. אין א צייט פון סכנה דארף מען אנטלויפן! דו מוזט אוועקגיין פון דארטן גלייך! ער האט פארשטאנען אז ער איז גערעכט אבער עס איז אים געווען זייער ביטער אויפן הארץ. ווייל אין יענע צייט איז געווען זייער שווער די פרנסה און דארט איז ער ב"ה געהעריג מסודר, איז נעם און לאז איבער די ארבעט, פון וואו וועט ער נעמען צו שפייזן זיין משפחה?

ער ארויסגעגאנגען אינדרויסן און אנגעפאנגען ביטערליך צו וויינען. א איד איז דורכגעגאנגען און אים געזעהן וויינען. האט ער אים געפרעגט די סיבה און ער האט אויסגעגאסן צו אים זיין הארץ. ווייסטו וואס - זאגט אים דער איד: דא נישט ווייט וואוינט דער זוויהעלער רבי גיי אריין צו אים און הער וואס ער האט צו זאגן. ווען ער איז אריינגעגאנגען אין די הויז פון רבין זאגט אים די רעבעצן, אז דער רבי איז געגאנגען צום כותל המערבי. ער האט זיך ארויסגעלאזט אהין, אבער ער האט נישט געטראפן דעם רבי'ן דארטן. איז ער צוריקגעקומען און דערציילט די רעבעצן אז ער האט אים נישט געטראפן. "איך האב נאך אין מיין לעבן נישט געזאגט קיין ליגנט" האט אים די רעבעצן געזאגט: אז איך האב אייך געזאגט אז ער איז ביים כותל איז ער דארט.

איז ער א צווייטע מאל געגאנגען צום כותל. און ווי געזאגט פריערט אז דעמאלטס איז געווען א אנגעצויגענער מצב פון די אראבער. פלוצלונג זעט ער א גרופע אראבער און הערט ווי זיי שמועסן צווישן זיך: "אט האבן מיר א איד לאמיר אים ערליידיגן" ער האט אנגעפאנגען צו לויפן מיט איין אטעם און פלוצלונג הערט ער ווי איינער פון זיי רופט זיך אן: "ער לויפט ווי א משוגענער ער איז משוגע לאזט אים אפ" זיי האבן אנגענומען זיינע ווערטער און ער איז געראטעוועט געווארן. ענדליך איז ער אנגעקומען צום כותל און ער דערזעט דעם רבי'ן שטיין ביי די וואנט. ער גייט נאנט צו אים און דערציילט אים די גאנצע מעשה פון זיין צרה אבער דער רבי ענטפערט קיין ווארט נישט. ער פרובירט איינמאל, צוויי מאל, א דריטע מאל, אבער דער רבי מאכט זיך נישט וויסנדיג צו אים.

דער רבי גייט אהיים. און ער באגלייט אים דעם גאנצן וועג און פרובירט צו באקומען זיין אויפמערקזאמקייט, אבער עס גייט נישט. דער רבי דרייט זיך אפילו נישט אויס צו אים!!! דער רבי קומט אן אהיים, ער זעצט זיך אויף זיין ארט און נעמט א ספר, ער פרובירט אן אויפהער צו רעדן צום רבי'ן אבער אן ערפאלג. מיט א אנגעווייטיגטע הארץ האט ער געטאן א ווילדע זאך. ער האט אנגעכאפט דעם רבי'נס גארטל און אנגעפאנגען צו וויינען אויפן קול:

רבי! רבי! העלפט מיר! איך בין אין א שרעקליכע צרה! העלפט! יעצט האט זיך דער רבי אויסגעדרייט צו אים און אויפגעהויבן דעם קאפ. ער האט זיך פארטיפט אין זיין הייליגע מחשבות א שטיק צייט. נאכדעם האט ער גענומען א ספר פון טיש און אריינגעקוקט אין דעם א פאר מינוט, און א קלאפ געטאן אויפן טיש און אויסגערופן!!! וואס האסטו מורא? ווער עס וועט דיר אנרירן וועט האבן א שווארצן סוף! נישטא וואס צו מורא האבן! ער האט געהערט די אפענע ווערטער פון צדיק און עס איז אריין אין אים א נייע חיות פון לעבן, און פון גרויס התרגשות האט ער ארויסגענומען א פונט (א פאפירינע געלט) און דאס דערלאנגט פארן רבי'ן. א פונט איז דעמאלטס געווען א געהאלט אויף א גאנצע וואך. דער רבי האט א בליק געטאן אופן פונט און זיך אנגערופן: וואס דארף איך די עבודה זרה פאפיר? רבי! מען קען מיט דעם טאן אסאך צדקה! גנב! האב דער רבי א געשריי געטאן.

ער האט אן געהויבן צו וויינען: פארוואס קומט מיר דאס רבי? האב דער רבי אים געענטפערט אז אויף יענע וועלט וועט מען מיר פרעגן פארוואס האסטו צוגענומען געלט וואס דו דארפסט מיט דעם שפייזן דיין ווייב און קינדער? קוים איז אים געלונגען צו איבערצייגן דעם רבי'ן אז ער קען זיך ערלויבן דאס צו געבן, און דער רבי האט עס צוגענומען און עס איז געווען א גרויסע פארגעניגן. ער איז אהיימגעפארן פול מיט האפענונג.

דעם אנדערן טאג גייט ער צו די ארבעט. קוים וואס ער קומט אריין באגעגנט אים א אראבער און דערלאנגט אים מיטן פויסט.! אוי רבי! האבער א שריי געטאן- רבונו של עולם העלף מיר אין זכות פון רבין! ער האט געציטערט וואס וועט דא זיין ווייטער זייענדיג אליין צווישן טויזנטער אראבער. דער אראבער האט אנגעפאנגען צו גיין ווייטער זיין וועג אבער ער איז נישט געגאנגען א פאר טריט, ווען ער האט זיך אויסגעגליטש און אראפגעפאלן אויף צוריק און מען האט באלד געזען אז ער איז שוין טויט אבער מען האט גערופן א אמבולאנס און אריינגעטראגן אין שפיטאל. בליץ שנעל האט זיך צושפרייט די ידיעה אין די גאנצע ארט אז דער יונגער אראבער איז געשטארבען אויפן ארט ווייל ער האט געשלאגן א איד. און פון דעמאלטס אן האט ער געלעבט רוהיג ביי די ארבעט. צדיק גוזר והקב"ה מקיים.


*הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד- צו פארקויפן* - א סידור של"ה דפוס ראשון באלאנגט צו שאצער רבי זצוק"ל פון לאנדאן מיט זיין הגהות פעלט לעצטע פאר דפים, פאר 50000$, ספר תיקוני זוהר באלאנגט צום בני שלישים פון קאסאן מיט פיל הגהות בכת"י פון אים 30000$, ספר חורב ערשטער דרוק מיט הקדשה פון מחבר הגאון מורינו ר' שמשון רפאל הירש 5000$, ספר בית אהרן דפוס ראשון בראדי תרל"ה מיט ברייטע גליונות באלאנגט צו משפחה פון הרה"ק ר' מרדכי מנאדבורנא 3000$, ספר אור החכמה דפוס ראשון עם חתימת החסד לאברהם ראדאמסק 18000$, א זעלטענע שיינע סעט פון חומש היכל הברכה קאמארנא ערשטע דרוק מיט הונדערטער הגהות פון הרה"ג ר' יצחק יוסף חזן פון לאסק אויף רש"י און משכיל לדוד מען קען מאכן א ספר פון די הגהות 13000$, א תעודה וואס האט א חתימה פון הרה"צ מטאש זצוק"ל, א בריוו פון הרה"ק ר' מרדכי ובנו ר' אברהם די זוויהעלע רבי"ס זצוק"ל, תהלים אמרות טהורות דפוס זיטאמיר, תהלים דגל והודיה דפוס זיטאמיר, תהלים ע"ט דפוס זיטאמיר, הרבה ספרים מישיבה תת"ל ליובאוויטש ומישיבת מיר שנדפסו בשנגהאי. הרבה ספרי חב"ד שנדפסו לפני המלחמה, ספר כתר תורה על מצוות עם הרבה חתימת פון הרה"ק ר' יעקב חיים סאפרין מקאמארנא אויך דריי גמרות פול מיט הגהות פון אים, ספר שארית ישראל ווילעדניק דפוס ראשון א סגולה אויף שמירה, תהלים בן ביתי סגולה פאר גוטע קינדער און לכל דבר 1500$. גרויסע תהלים מיט מעמדות דפוס זיטאמיר 7000$, ספר אוצר הרבנים 150$, ספר אוצר ההגדות יודלב 150$, איבער 10000 ספרים אין געשעפט, מיר ווייסן וואס מיר האבן, און אלעס איז מסודר אין א סדר.

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Thursday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***